בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ק"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויקרא
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## קְרִיטִישֶׁע וָואכְן

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שְׁמִינִי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער

אַזוֹי וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן פֶּסַח, וִויל אִיךְ מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אַז אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן זִיךְ מֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי.

עֶטְץ וֵוייסְט דָאךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי טֶעג אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען פַּאקְט אוֹיס דִי שֶׁענְק, מֶען טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער פוּן אֵיין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן; עֶס קוּמְט אוֹיס אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען יֶעצְט מֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס בַּאקוּמֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּ עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט צוּפִיל גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף זֵיי, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ פְלֶעגְט זָאגְן: **"שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ, אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח"**; מֶען דַארְף מֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

### דִי לֶעבֶּעדִיגֶע חֶבְרָה וַואקְסְן אוֹיס גְרוֹיסֶע לַייט

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער'.

אַסַאךְ מָאל הֶערְט מֶען פוּן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זִיךְ אָפְּרֶעדְן: **"אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ אוֹיסְצוּהֶערְן, אֲפִילוּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אָדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה הֶערְן זֵיי נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קוּקְן נָאר אוֹיפְן זֵייגֶער צוּ זֶען וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין קֶענֶען אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן כִּתָּה גְרָאבְּן גְרִיבֶּער אוּן בּוֹיעֶן בּוּדְקֶעס..."** - אִיךְ לִיבּ דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז אַ מְחַיֶה צוּ זֶען דִי קִינְדֶער וָואס בּוֹיעֶן בּוּדְקֶעס, קְרִיכְן אוּן גְרָאבְּן גְרִיבֶּער, דִי קִינְדֶער זֶענֶען פוּל מִיט עֶנֶערְגִיֶע אוּן גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אוֹיף גוּטֶע זַאכְן.

אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיךְ מְקַרֵב זַיין דִי יוּקְלֶ'עךְ וָואס שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן דֶעם מְלַמֵּד אוּן זֶענֶען נֵייגֶערִיג צוּ הֶערְן שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר וואוֹיל, אָבֶּער מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק דִי לֶעבֶּעדִיגֶע חֶבְרָה וָואס וִוילְן אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן כִּתָּה, זֵיי טַאנְצְן אוּן שִׁיקְן זִיךְ אַרוֹיף צֶעטְלֶעךְ אִינְמִיטְן כִּתָּה וְכוּ', זֵיי זֶענֶען דִי פֵיינֶע סְחוֹרָה, זֵיי גֵייעֶן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע לַייט, אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר גֵייעֶן זֵיי זַיין דִי מְלַמְּדִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת.

### אוֹיסְנִיצְן דֶער אָנְהֵייבּ טָאג פַאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד הָאבּ אִיךְ לְכַתְּחִילָה גֶעוָואלְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶסְן פְרִישְׁטָאג אִינְדֶערְהֵיים, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, וַוייל צוּפְרִי אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט פוּן טָאג, דִי קָאפּ אִיז נָאךְ זֵייעֶר רוּאִיג, אִיז וִויכְטִיג מֶען זָאל דֶעמָאלְט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער מֶען קֶען.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען; אוּן דָאס דַאוֶוענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ חַיוּת אוּן מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען קֶען נִישְׁט יָאגְן דָאס דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן עח): **"אִיךְ וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דָאס אַמָאלִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי חֲסִידִים פְלֶעגְן דַאוֶוענֶען, מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּן מִיט פַּאטְשְׁן"**, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה, צְוֵוייא אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, יֶענֶער הָאט גֶעפַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דִי צְוֵויי אִידְן הָאבְּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף עֶנְק אַז עֶטְץ מַאכְטְס חוֹזֶק פוּן פַּאטְשְׁן"**.

מֶען לֶערְנְט טַאקֶע אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, עִבְרִי, תְּהִלִים, חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אָבֶּער דָאס חַיוּת אִין אַ דַאוֶוענֶען - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אִין דִי קִינְדֶער. בַּאלְד גֵייעֶן דִי קִינְדֶער חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי גֵייעֶן זַיין פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן, זֵיי וֶועלְן דַארְפְן גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, וֶועט זֵיי דֶעם הַיינְטִיגְן חַיוּת אִינֶעם דַאוֶוענֶען שְׁלֶעפְּן צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען.

אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אוֹיסְגֶערֶעכְנְט מִיטְן זֵייגֶער וָואס עֶר גֵייט טוּן פוּן צוּפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג, שַׁחֲרִית נֶעמְט כַּךְ וְכַךְ צַייט, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען אַבִּיסְל הַגָּדָה, נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְמָרָא, נָאכְמִיטָאג וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין מֶער לוּפְטִיג וֶועל אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ"תְ בַּ"שׁ, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת, זֵייגֶער, נִגוּנֵי הַטְּעַמִים; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שֵׁיינֶע רַייכֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט קִינְדֶער. מֶען קֶען דָאךְ אָנְפִילְן דָאס קְלֵיינֶע רֵיינֶע קָאפּ מִיט אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַרַיינְדְרֵייעֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי נֵייעֶס

בַּיי מִיטָאג אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ לַאנְגֶע סְעוּדָה, אוּן בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן אִיז כְּדַאי דֶער מְנַהֵל אָדֶער אַ מְלַמֵּד זָאל נֶעמֶען דִי מֵייק אִין דִי הַאנְט אוּן דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה; אוֹיבּ עֶס הָאט פַּאסִירְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע נֵייעֶס וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן סֵיי וִוי הֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען דְרֵייט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי נֵייעֶס.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען קֶען דֶערְצֵיילְן דִי

נֵייעס וָואס הָאט פַּאסִירְט פָּארִיגֶע וָואךְ אִין בָּאלְטִימָאר אַז עס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעהַאקְט דִי עֶלֶעקְטֶערִיק פוּן אַ טֵייעֶרֶע שִׁיף מִיט טוֹיזְנְטֶער קָאנְטֶעינֶערְס, דִי שִׁיף הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ בְּרִיק, אוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיק אִיז צוּזַאמְגֶעפַאלְן, אוּן מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"קוּקְט אָן וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס אָן אַ רֶבִּי, קוּקְט וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס אָן אַ מַנְהִיג; דִי שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייעֶרֶע שִׁיף, עֶס הָאט גֶעטְרָאגְן טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער קָאנְטֶעינֶערְס, אָבֶער אַז זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִיר עֶלֶעקְטֶערִיק וָואס הָאט אִיר גֶעפִירְט, זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִיז וֶועג וַוייזֶער, אִיז עֶס גֶעפָארְן נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זִי הָאט גֶענוּמֶען אָן אַנְדֶערֶע מְהַלֵּךְ אוּן עֶס הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ בְּרִיק, צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי שָׁאדְן גֵייט יֶעצְט קָאסְטְן בִּילְיָאנֶען דָאלַארְן! דָאס אִיז דֶער שָׁאדְן פוּן אֵיינֶער וָואס גֵייט נִישְׁט מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה"**.

## אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת אוּן מִדּוֹת בַּיים עֶסְן

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים עֶסְן. לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, מֶען וֶועט מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע הַפְסָקָה וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן. אִין אַ גֶעוִויסֶע זִין אִיז עֶס אֲפִילוּ נָאךְ וִויכְטִיגֶער וִוי זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים לֶערְנֶען, וַוייל בַּיים עֶסְן קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַסַאךְ וִויכְטִיגֶע זַאכְן.

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט פָאר בְּרָכוֹת אוּן וִוי אַזוֹי מֶען בֶּענְטְשְׁט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס מִיט אַן אַפֶּעטִיט, אוּן בֶּענְטְשׁ אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת"**.

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער 'הִלְכוֹת דֶּרֶךְ אֶרֶץ', אַז מֶען דַארְף זִיצְן שֵׁיין, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן קַיין עֶסְן, אוּן מֶען עֶסְט מִיט אַ צוּגֶעמַאכְטֶע מוֹיל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים עֶסְן, מֶען קֶען נִישְׁט שִׁיסְן קַיין בָּאמְבֶּעס פוּן מוֹיל בִּשְׁעַת מֶען עֶסְט... אוֹיךְ קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק קַיין עֶסְן", "שְׁטוּפּ נִישְׁט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן"**.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן זִיךְ אַבִּיסְל אַרוּמְדְרֵייעֶן בַּיי לָאנְטְשׁ בַּיי דִי פְּלַאץ וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, צוּ זֶען אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, צִי מֶען בּוּלִיעֶט אַ קִינְד, צִי מֶען רוֹדְפְ'ט אַ קִינְד, אָדֶער מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַ קִינְד. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאכְן, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידּוֹת, פוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, פוּן מְוַותֵּר זַיין, אוּן עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מְוַותֵּר אוּן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן קִינְד.

## עֶסְן מַאכְט דִי גוּסְטֶע

לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען גֶעטוֹישְׁט דֶעם סֵדֶר, מֶען הָאט יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי פְרִישְׁטָאג, וַוייל עֶס אִיז יֶעדְן טָאג אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶר נֶעכְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען ווּאוֹיל אוּן פֵיין, אוּן עֶפֶּעס אִיז 'הַיינְט' גֶעשֶׁען, עֶר קְרִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן מְלַמֵּד, זַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, דֶער מְלַמֵּד הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: **"בִּיסְט הוּנְגֶערִיג?"** הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: **"יָא"**, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ קוּקִי אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן מְסוּדָּר! הָאט מֶען גֶעזֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פָּשׁוּט הוּנְגֶערִיג.

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: **"פוּד מֶעיקְס דִי מוּד"**, עֶסְן מַאכְט דִי גוּסְטֶע; דָאס אִיז אַן אֱמֶת, מֶען מוּז עֶסְן.

## אַ מְלַמֵּד דַארְף אוֹיךְ עֶסְן

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין אִיבֶּער דָאס וִויכְטִיגְקֵייט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶסְן צוּפְרִי, דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים אוֹיךְ וִויסְן אַז מֶען דַארְף עֶסְן צוּפְרִי פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי גֶעוִויסֶע מְלַמְּדִים אַז זֵיי דַאוֶוענֶען נִישְׁט צוּפְרִי, זֵיי כַאפְּן זִיךְ אַרוֹיס אִינְמִיטְן טָאג צוּ דַאוֶוענֶען; דָאס אִיז אַ פַּחַד פוּן אַ זַאךְ! סֵיי דֶער חֵלֶק אַז דֶער מְלַמֵּד דַאוֶוענְט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן סֵיי דֶער חֵלֶק אַז אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶסְן פַארְן אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה?! - אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵּל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְּדִים.

אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וֶוען דַארְף אִיךְ זַיין אִין כִּתָּה? - נַיין אַזֵייגֶער! דַארְף אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי, גֵייִן אִין מִקְוֶה, גֵייִן דַאוֶוענֶען, עֶסְן אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג, אוּן אָפְּוַוארְטְן דִי קִינְדֶער נָאךְ פַאר זֵיי קוּמֶען אָן.

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מְלַמְּדִים רֶעדְן זִיךְ אָפּ, זֵיי קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן דִי בָּאס קוּמְט שְׁפֶּעט, - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דָא זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן דֶערוֹיף, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַפָּאר מִינוּט צוּ זִיצְן אִין כִּתָּה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע בָּאסֶעס; בִּיז דֶערְוַוייל מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ אַרוּם, אוּנְזֶערֶע בָּאסֶעס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ אוּן מִיר דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן בָּאסֶעס פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט צוּ שַׁאפְן בָּאסֶעס, אָבֶער הַלְוַאי זָאל דָאס זַיין דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַז דֶער מְלַמֵּד זִיצְט שׁוֹין פוּן 8:50 אִין כִּתָּה, נָאכְן אָפְּעֶסְן זַיין פְּרִי, זַיין עֶפְּל אָדֶער זַיין בַּאנֶענֶע, עֶר אִיז שׁוֹין גְרֵייט אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט אַ פַארְטִיגֶע פְּלַאן וָואס עֶר הָאט הַיינְט צוּ טוּן, אוּן נָאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאכְנִישְׁט דָא.

אַלֶע מוּזְן עֶסְן; דֶער מְלַמֵּד, דִי לֶערֶערִין אוּן דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן אִין צַייט, מֶען זָאל זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מֶען שְׁטֵייט יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, עֶס אִיז אוּנְז אִינְגַאנְצְן גֶעבְּלִיבְּן 'צְוֵויי אַ הַאלְבּ וָואכְן' בִּיז יוֹם טוֹב. דִי וָואכְן זֶענֶען קְרִיטִישֶׁע וָואכְן.

מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, דִי גַאנְצֶע הֵיילִיגֶע פֶּסַח דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי מִצְוָה פוּן (שְׁמוֹת יג, ח): "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ", אוּן (שְׁמוֹת יג, יד): **"וְהָיָה כִּי יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ וְגוֹ'"**, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער. וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר פְרֶעגְן: **"פַארְוָואס דַארְף מֶען דָאס טוּן?"** זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן: **"וַוייל עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט גֶעבְּן שְׂכַר פַאר וֶוער עֶס פָאלְגְט דִי מִצְוֹת, אוֹיבּ מֶען טוּט חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵירוֹת גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן גַן עֵדֶן"**.

חַזֶרְ'ט מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע סִימָנִים: **"קַדֵּשׁ, וּרְחַץ, כַּרְפַּס, יַחַץ, מַגִּיד, רָחְצָה, מוֹצִיא, מַצָּה, מָרוֹר, כּוֹרֵךְ, שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, צָפוּן, בֵּרַךְ, הַלֵּל, נִרְצָה"**; דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר 'אַלֶע כִּיתּוֹת' פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ. אוּן דִי הֵיילִיגֶע 'מַה נִּשְׁתַּנָּה'.

מֶען דַארְף זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער נִיגּוּנִים פוּן יוֹם טוֹב, אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע הַגָּדָה, אַז מֶען הָאט גֶעפַּייְנִיגְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי מִצְרִיִּים, עֶר הָאט גֶעעֶפֶּנְט דִי טוּמְאָה, אוּן דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אַ פָאלְק, אוּן מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה.

### אַ שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת

דֶער עִיקָר פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִיז פוּן 'אֱמוּנָה'; רֶעדְן פַּאזֶעטִיוֶוע וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, אוּן אִינְמִיטְן צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער לֵייגְט מֶען אוֹיךְ אַרַיין דֶעם לֶעפְל מוּסָר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: **"פַאר יֶעדֶע 'לֶעפְל' מוּסָר דַארְף מֶען אַ 'שִׁיסְל' הִתְחַזְקוּת"**. דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס; וֶוען מֶען גֶעבְּט דֶעם 'לֶעפְל' מוּסָר, וֶוערְט יֶעדֶער דֶערְשְׁרָאקְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט נָאכְדֶעם גֶעבְּן אַ 'לֶעפְל' הִתְחַזְקוּת וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען, מֶען וֶועט נָאר גֶעדֶענְקֶען דֶעם לֶעפְל מוּסָר, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ 'לֶעפְל' מוּסָר, אוּן אַ גַאנְצֶע 'שִׁיסְל' הִתְחַזְקוּת, זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

בַּיי פְּרוֹיעֶן אוּן בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז דָאס מֶער וִויכְטִיג, וַוייל וֶוען אַ פְּרוֹי הֶערְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַז **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת אוֹיבּ מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אָדֶער מֶען טוּט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ"**, נֶעמְט זִי עֶס אָן זֵייעֶר תְּמִימוּת'דִיג אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי קֶען זִיךְ נָאכְדֶעם אַרוּמְדְרֵייעֶן פֶערְצִיג פוּפְצִיג יָאר אוּן נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט עֶפֶּענֶען קֵיין תְּהִלִּים, וַוייל זִי הָאט מוֹרָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל אִירֶע תְּפִלּוֹת, וַוייל זִי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גִיסְן אַסַאךְ חִיזּוּק, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דַיינֶע מִצְוֹת, אוּן מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אִינְמִיטְן דַארְף מֶען אוֹיךְ זָאגְן **"אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער"**.

### יֶעדֶער קִינְד זָאל זַיין אַ גַבְּאַי

עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַ קִינְד, גֶעבְּן אַ גְלֶעט, אַ לִיבְּשַׁאפְט, אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוי טוּן אַ קִינְד.

מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן קֵיין אֵיין קִינְד, אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער מִיט דִי רִינֶענְדִיגֶע נֶעזֶער, אוּן רֶעדְן פוּן אוּנְטֶער דִי נָאז, זָאלְסְטוּ גְלֶעטְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן אִים מַאכְן פַאר חַזָן אוּן גַבְּאַי.

אַ גוּטֶער רֶבִּי אוּן אַ גוּטֶע לֶערֶערִין קֶען מַאכְן יֶעדֶער קִינְד פַאר גַבְּאַי. עֶס אִיז נִישְׁט נָאר דָא צְוֵויי פְלֶעצֶער וואוּ מֶען נִיצְט גַבָּאִים, בַּיים אוֹיסְטֵיילְן דִי סִדוּרִים, אוּן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי סִדוּרִים; מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְן פַאר גַבְּאַי, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶער הַאלְט אָפְן דִי טִיר וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס, אֵיינֶער צִינְדְט אָן דִי לֶעקְטֶער אִינְדֶערְפְרִי, אֵיינֶער פַארְמַאכְט דִי לֶעקְטֶער בַּיים אַהֵיימְגֵיין, אֵיינֶער הַאלְט דִי טִישׁוּס וֶוען דִי קִינְדֶער וַואשְׁן זִיךְ דִי הֶענְט אוּן גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אַ טִישׁוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי קִינְדֶער, שְׁטֶעלְן גַבָּאִים פַאר זַאכְן וָואס אִיז נַארִישׁ.

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד. דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע, אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ גֵייסְט קֶענֶען"**.

אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אַ קִינְד אַז עֶר הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אָדֶער מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַרַיינְקוּקְן אִין אַ בֵּית הַכִּסֵא פוּן אוּנְטְן, דַארְף מֶען אִים זָאגְן אוּן לֶערְנֶען וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אָבֶער בּוֹי אִים וַוייטֶער אוֹיף. אַ קִינְד קֶען פִילְן אוֹיבּ זַיין מְלַמֵד הָאט אִים לִיבּ. מֶען דַארְף מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן וִוי גוּטֶע, וואוֹילֶע, טַייעֶרֶע קִינְדֶער.

### גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם

אֵיינֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיבּ מֶען דַארְף נָאכְקוּקְן אַ מְלַמֵד וָואס גְלֶעט דִי קִינְדֶער צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִים צוּרִיק אַז גְלֶעטְן אַ קִינְד אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם, דָאס מֵיינְט אוֹיפְהֵייבְּן אַ קִינְד, אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פְלֶעגְט עֶר גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער אוּן אַרוּמְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אִי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### נֶעם מִיט דִי קִינְדֶער צוּ דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר, נֶעם זֵיי מִיט דִיר בַּאקְן מַצוֹת, שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ אוּן אַנְדֶערֶע הֲכָנוֹת. עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן. דַיינֶע גֶעלְט זַאכְן וְכוּ' - דַארְפְן זֵיי נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט נֶעמֶען דִי קַאר פוּנֶעם דִילֶער - אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג זֵיי זָאלְן מִיטְגֵיין, אָבֶער בַּיי מִצְוֹת אוּן דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת - זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם דַיין פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ - גֵיי מִיט דַיין זוּן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ - נֶעם מִיט דַיין זוּן, אוּן בַּיים בַּאקְן מַצוֹת. אוֹיךְ בַּיים פֶּסַח מַאכְן שְׁפַּאן-אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג מִיט זַיין זוּן בַּיים אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן שְׁטֵייט דָארְט אַפָּאר מִינוּט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיין קִינְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". (וִוי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אִיז דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס).

בְּנוֹגֵעַ אַוֶועקְפָארְן; פֶּסַח אִיז אַ יוֹם טוֹב וָואס מֶען אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. פֶּסַח אִיז מֶען אָדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## עס איז זייער וויכטיגע מְחַנֵּךְ זיין די קינדער מיט די הייליגע מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינט נאכט איז לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ; וֶוען עס וֶוערט דער זְמַן טאר מען גארנישט טוּן, מען טאר נישט עסן און נישט לערנען - נאר גְלַייךְ בּוֹדֵק חָמֵץ זיין.

מַאךְ בְּדִיקַת חָמֵץ מיט די קינדער; נעם יעדן קינד מיט, געב יעדן עפּעס; איינער זאל האלטן די לעפל, א צְוֵויטער די פעדער, דער דריטער זאל האלטן דעם זעקל און ציילן וויפיל בְּרעקלעךְ מען האט שוין געטראפן, דעם פערטער זאל שלעפן דעם לייטער און אזוי ווייטער; אַלע זאלן מְחוּנָךְ ווערן מיט די הייליגע מִצְוֹת.

עס איז זייער וויכטיג מְחַנֵּךְ זיין די קינדער מיט די הייליגע מִצְוֹת, זיי זאלן זיין א חֵלֶק בּיים מאכן די מִצְוֹת; אזוי גייט אריין די מִצְוֹת אין זייערע בּיינער, עס בּלייבּט אין זיי איינגעקריצט.

מען פירט זיך אַוֶועקצולייגן צען בּרעקלעךְ חָמֵץ און דאס צאמנעמען בּיים בּוֹדֵק חָמֵץ זיין, דאס לייגט מען אַוֶועק צו פארברענען; אַנדערע חָמֵץ - ווארף אַלעס אַוֶועק אין די מיסט; בּיים פארברענען די חָמֵץ דארף מען נישט מער ווי די צען בּרעקלעךְ.

נאכן בּוֹדֵק חָמֵץ זיין זאלסטו זאגן דעם ערשטן "כָּל חֲמִירָא", אויף די יְהִי רָצוֹן וואו מען בעט דעם אייבערשטן מיר זאלן שוין זוֹכֶה זיין אויסצוּרוֹטן דעם יֵצֶר הָרָע, מיר זאלן האבן א ריינע מוֹחַ, א ריינע הארץ, א ריינע לעבן, אן קיין שוּם קַשְׁיוֹת אויפ׳ן אייבערשטן, אן קיין שוּם עֲבֵירוֹת.

מארגן עֶרֶב פֶּסַח דארפן די בְּכוֹרִים מאכן א סִיוּם מַסֶּכְתָּא, אָדער הערן א סִיוּם; נאר אזוי קען מען עסן.

איךְ דארף מְקַצֵּר זיין, איךְ גיי שוין בּאלד שעפּן מַיִם שֶׁלָּנוּ פאר די עֶרֶב פֶּסַח מַצּוֹת, דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוֹכֶה זיין נאךְ די יאר לֶאֱכֹל מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים.

א כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב

...

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אַחֲרֵי תשפ״ב)

## גיין צו די עלטערן אויף פֶּסַח צו די סְדָרִים, איז גוּט פאר די קינדער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

איךְ האבּ ערהאלטן אייער בְּרִיווּ.

יעצט ווען די קינדער זענען נאךְ גאר קליין - איז ריכטיג צו גיין צו די עלטערן פאר פֶּסַח, צו די סְדָרִים. איר וועט נאךְ מאכן שיינע סְדָרִים בּיי אייךְ אין שטוּבּ, ווען די קינדער וועלן עלטער ווערן וועט איר מאכן די סְדָרִים אין שטוּבּ, יעצט איז כְּדַאי צו גיין זען סְדָרִים - איין יאר בּיי אייערע עלטערן און איין יאר בּיי אייער מאן׳ס עלטערן, זיךְ גוּט צוקוקן ווי אזוי די עלטערן מאכן סְדָרִים און ווי זיי געבן איבּער די אֱמוּנָה פוּן זייערע עלטערן.

בּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח; מוֹהֲרָא״ש זאגט מען זאל נישט אריינגעמען פֶּסַח אַלעס וואס האט א הֶכְשֵׁר. עס איז וויכטיג פאר זיךְ און פאר די חִינוּךְ פוּן די קינדער נישט צו עסן אַלע נאשערייען און אַלע קעיקס, סירופ׳ל וְכַדּוֹמֶה.

מען דארף אסאךְ בּעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוֹכֶה זיין צו מְקַבֵּל זיין די יָמִים טוֹבִים מיט שִׂמְחָה און מְקַבֵּל זיין די קְדוּשָּׁה פוּן פֶּסַח.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

...

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא תשפ״ג)

## מיר זענען מַקְפִּיד צו כַּשְׁר׳ן דִּיקא ווען די קינדער זענען אין שטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בּיי מיר אין שטוּבּ ווילן מיר שוין כַּשְׁר׳ן, מיר ווילן שוין אָנהויבּן קאכן פאר יוֹם טוֹב, דאךְ וועלן מיר ווארטן צו כַּשְׁר׳ן בּיז די קינדער קוּמען אהיים פוּן חֶדֶר. מיר זענען מַקְפִּיד צו כַּשְׁר׳ן דִּיקא ווען די קינדער זענען אין שטוּבּ, זיי זאלן זען ווי מען גיסט די הייסע בּריִעדיגע וואסער, ווי עס טוּט זיךְ און ווי עס גיסט זיךְ... זיי זאלן זען ווי אזוי מען גרייט אן א יוֹם טוֹב, ווי אזוי מען בּרענגט אריין דעם פֶּסַח.

חִינוּךְ איז פוּן די הייליגסטע זאכן בּיי אידישע קינדער; וואס קינדער זעען אין זייערע יוּנגע יארן - דאס בּלייבּט זיי, מיט דעם וואקסן זיי אויף. רַבִּי נָתָן האט געזאגט: "בּיי מיר איז חִינוּךְ אַזאַ גרויסע עֲבוֹדָה - אזוי ווי די עֲבוֹדָה פוּן זאגן תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רַבִּי נָתָן פלעגט אויפבּלייבּן צו מְחַנֵּךְ זיין די קינדער, אֲפִילוּ ער האט זיךְ געוואלט לייגן שלאפן פְרִי צו קענען אויפשטיין חֲצוֹת.

זיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דיין טעלעפאן; מען דארף דאס כַּשְׁר׳ן, עס זאל זיין כָּשֵׁר, עס זאל נישט זיין קיין עֲבֵירוֹת אין דעם.

א כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ״ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, בּיטע שרייבּט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876